# ונכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

חג הסוכות - פר' בראשית תשפ"ה שנה י | גליון מס' 553

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן



ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## די גרינגסטע מצוה – די גרעסטע זכות

אין די טעג גייט כלל ישראל מחיל אל חיל.

מען איז נארוואס געשטאנען אין דעם גרעסטן יום הדין פון די יאר, די הייליגסטע טאג יום כיפור און אויסגעלייטערטערהייט גייט מען ארויפגיין נאך א טרעפל, מען גייט אריין אין די הייליגע טעג פון סוכות, די טעג ווען יעדער איד איז זוכה צו ווילן בצילא בצילא דמהימנותא, צו זיין בצל השכינה.

די טעג פון סוכות זענען א דירעקטע המשכה צו די ימי התפילה, די טעג ווען כלל ישראל האט זיך אויסגעבעטן ביי הקב"ה אז עס זאל מקויים ווערן דער 'יעלה זכרונו לטובה ולברכה' ביים גרויסן טאטן אין הימל.

דער הייליגער טאג יום הכיפור איז דער יום הדין אבער דער זוהר הק' איז אונז מגלה [ויקרא לב. א] אז אפילו אויב מען האט שוין דן געווען א איד אין דעם טאג, האט ער נאך אלץ די מעגליכקייט צו טוישן דעם גזר דין, אז דער דערבארעמדיגער באשעפער האט געגעבן פאר'ן כלל ישראל נאך א טאג צו קענען משנה זיין דעם דין לטובה, די הייליגע טאג פון הושענא רבה, די טאג ווען יעדער איינער באקומט זיין קוויטעל, די צעטעלע וואו עס שטייט אנגעשריבן די גזר דין וואס איז נגזר געווארן אויף אים דעם טאג.

משל למה הדבר דומה? צו א מענטש וואס איז אריבער א שווערע משפט. די געריכט האט אים געוואלט אורטיילן טויט שטראף. ווי אייביג, אין אזא פאל, וועט געדויערן א לאנגער צייט ביז ווען מען וועט אנקומען צו דער פסק דין. ערשט וועט מען דן זיין דעם מענטש, מען ברענגט ארויס אלע צדדים און נאר נאך דעם וואס מען האט אויסגעהערט אלע זייטן, מען האט געלאזט דעם באשולדיגן אויסרעדן אלע זיינע טענות, וועט אנקומען דער שטאפל וועט מען וועט דערלאנגען פאר'ן באשולדיגטן דעם גזר דין.

אזוי לאנג ווי די געריכט האט נאכנישט געגעבן איר ענדגילטיגער אורטייל קען נאך דער מענטש קומען און שרייען און ארויפברענגען טענות, אבער אין די רגע וואס דער אורטייל איז ארויס, עס איז פאר'חתמ'ט געווארן און די ממונים פון די געריכטהויז האבן אים איבערגעגעבן די פסק איז זיין גורל א פאר'חתמ'טער, ער האט שוין מער נישט קיין האפענונג.

דאס איז 'הושענא רבה!' אין דעם גרויסן טאג טיילט מען אויס די אורטיילן, אזוי לאנג ווי עס איז נישט אנגעקומען קען מען נאך טוישן דעם גזר דין.

ווי אזוי קען מען טוישן די גזר דין? ווי אזוי קען מען צורייסן די שלעכטע גזירות? די תשובה אויף די שאלה געט אונז דער זוה"ק אין די הייליגע תיקונים.

אין תקוני זוהר [מ.א.] זאגט דער זוה"ק אז אויף דער וואס ענטפערט אמן ווערט מקויים דער פסוק אין (ישעיה נח ט) "אז תקרא וה' יענה" - אז מיט דעם כח קען א איד צורייסן אלע שלעכטע און שווערע גזירות.

דאס איז אונזער בעסטער וואפן, מיט דעם וועלן מיר מנצח זיין די מקטריגים און זוכה זיין איבערצודרייען די שלעכטע גזירות אויף גוטע און פועל'ן א גוט יאר.

•

דער 'אמן' האט אייביג א כח אבער נאכמער האט זי אין די טעג פון דער יום טוב סוכות - ווייל אין די ווארט "סוכה" איז מרומז דער "אמן" ווייל עס איז די זעלבע (להשאיר כתיב מלא גם במנוקד - בגלל הגימטרייה) גימטריא,ביידע באטרעפן כמנין צ"א.

אין דער יום טוב סוכות וועלן מיר זיך משתדל זיין מער אין ענטפערן אמן און זוכה זיין אז דער "אמן"" זאל מגין זיין אויף אונז, ווייל סוכות האט אין זיך א כח מגין צו זיין אויף א איד, ווי דער פסוק זאגט אין תהלים ( כז ה): "כִּי יִצְפְּנֵנִי בְּסֻכֹּה בְּיוֹם רָעָה יַסְתִּרֵנִי בְּסֵתֶר אָהֳלוֹ" און מיט איר וועלן מיר זיך אפהיטן אן דער יום טוב טעג.

אז מען איז זיך מתבונן אין די צוויי מצוה'ס וועט מען זען אז אויסער וואס איר גימטריא איז די זעלבע איז אויך דא אסאך ענליכקייטן צו די צוויי מצוה'ס.

די מצוה פון סוכה איז א מצוה וואס מען קען מקיים זיין אן אויפהער דורכאויס די זיבן טעג וואס מען האט די מצוה קען מען מקיים זיין אגאנצער צייט איז די זעלבע מיט דער אמן.

די מצוה פון ענטפערן 'אמן' איז נישט א מצוה וואס האט א גרעניץ, מען קען עס מקיים זיין נאך און נאך, עס איז נישט געבינדן צו א צייט אדער צו א צאל.

אנדערש ווי די ברכה וועלכע מען קען נאר מקיים זיין מיט א גרעניץ - ווען מען דארף עס האבן איז די 'אמן'. עס איז אויך אנדערש אין די הינזיכט אז אינדערצייט וואס אויף א ברכה האט מען א ציווי אז מען זאל איר נישט מאכן לבטלה האט מען אויף אן אמן א ציווי אז מען זאל עס נישט מבטל זיין.

די גמרא אין מסכת עבודה זרה [ג.א] לייגט אראפ ווי אזוי עס וועט זיין לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען און די אומות העולם וועלן זען וועלכע שכר די אידן באקומען פאר'ן מקיים זיין די מצוה'ס.

די גוים וועלן מקנא זיין און זאגן אז זיי ווילן אויך די שכר. דאן וועט הקב"ה זיי זאגן אז ער האט פאר זיי א גרינגע מצוה און ער וויל זיי אויספרובירן מיט דעם, ער וועט זיי געבן די מצוה פון סוכה און ארויסנעמען די זון פון איר שיידל און זיי וועלן געבן א שטויס פאר איר.

ביי כלל ישראל זעט מען זייער שטארק די חביבות וואס א איד האט פאר די מצוה פון סוכה. א איד איז זיך מטריח צו בויען די סוכה, מען לאזט זיך קאסטן געלט. אויך ווען עס שטייט שוין, באצירט מען עס, אבער אויך דער 'אמן' איז א מצוה קלה, צי האט מען אויך צו איר די זעלבע באציהונג?

ווי געזאגט איז די גימטריא פון "סוכה" די זעלבע, אבער צי פירט מען זיך אזוי? ביי אמן אנדערש ווי ביי "סוכה" פעלט זיך נישט אויס אז מען זאל אויסגעבן געלט אדער אז מען זאל זיך אנשטרענגען פאר איר, מען דארף נאר זיין א "שומר אמונים" און עס אפהיטן בכבוד הראוי.

•

הארט נאך די הייליגע יום טוב, נאך דעם וואס עס איז נגזר געווארן די גזירה טובה, מיר האבן באקומען די קוויטלעך און אויסגעבעטן א גוט יאר, א יאר פון נחמה וישועה, הייבט מען א פרישער יאר, א נייער סדר פון לימוד התורה.

מען הייבט אן פון פריש צו זאגן דער סדר בראשית. דאס יאר איז עס ממש איינער נעבן די אנדערע און אויך דא גייט מען ווייטער מחיל אל חיל צו די קדושה.

אויך דא טרעפן מיר א רמז אויף דער 'אמן'. כידוע זאגט מען נאך בשם די קדמונים אז דער ווארט "בראשית" איז די ראשי תיבות פון די ווערטער: "בקול רם אברך את שם ״ תמיד".

פאָרזעצן אויף בלאַט 3

## — די גרויסע שפע פון זאגן 'ברכות בחברותא' —

**דער דאזיגער געשיכטע וואס מיר גייען דא פארציילן געט ארויס די גרויסע כח און די סגולה וואס איז דא פון זאגן די ברכת השחר בחברותא.**

**די געשיכטע שטאמט פון א בריוו וואס א איד האט אריינגעשיקט צו די מערכת. צוליב די פריוואטקייט פון דער מענטש איז דער נאמען און די פערזענליכע דעטאלן פון דעם מענטש געבליבן ביי די מערכת.**

> **דעם נעקסטן צופרי' האב איך זיך געפעדערט, איך בין אויפגעשטאנען פריער ווי געוועגליך און זיך ארויסגעלאזט און זיך צוגעשטעלט צו מיינע פריינט און מיטגעזאגט מיט זיי ברכות.**

פאר אסאך יארן בין איך א פארטאגס אויפשטייער, די זעקס אזייגער שעה, מיט איר טעגליכער געשטאלט, ווי אזוי עס זעט אויס די סדר היום, קען איך דורך און אדורך.

מער ווי צוועלעף יאר אין איין ציה שנייד איך דורך די גאסן, גייענדיג אויף מיין וועג, אריינכאפנדיג אין מיר די געשמאקע צופרי' שמעק, די צופרי' נאסקייט, פון מיין הויז צו די שול.

איך בין אן איינוואוינער פון די שטאט בת ים. אין מיין שכינות איז דא א פארטאגס מנין. די מתפללים זענען מער ווייניגער די זעלבע. אויך זיי וועלן טאג טעגליך מיטדאווענען מיט דער טעגליכער מנין.

דער סדר וואלט אזוי ממשיך געווען לאנגע יארן ווען נישט יענער צופרי', ווען אלעס האט זיך געטוישט.

עס איז געווען אין איין טאג ווען איך האב זיך אויפגעוועקט פריער ווי געווענליך. נישט קענענדיג צוריק כאפן די שלאף, האב איך אויפגעגעבן מיין ווייטערדיגע ווילן צו בלייבן אין בעט און כ'בין ארויס צו איר, גייענדיג אין שול.

מיט צוואנציג מינוט פריער ווי געווענליך בין איך אנגעקומען צו די שול, וואו מיין טעגליכער מנין קומט פאר. זייענדיג דארט זענען מיינע אויגן געפאלן צו צוזען א וואונדערליכע סצענע. איך האב געזען ווי איין מתפלל גייט צו די אנדערע און די אנדערע קומט צו אים, עס גייט פאר א טוישעריי.

נישט פארשטיינדיג וואס אזאנס גייט דארט פאר, האב איך זיך דערנענטערט צו איינער פון זיי און מיטגעהאלטן פון דער נאנט וואס עס גייט פאר, איינער האט געזאגט פאר'ן צווייטן 'אמן' און די אנדערע האט צוריקגענטפערט.

מען האט געדאווענט שחרית און נאכ'ן ענדיגן האב איך זיך נאכגעפרעגט ביי זיי וואס אזאנס גייט דארט פאר, די תשובה וואס איך האב באקומען איז געווען אז זיי האבן זיך געמאכט א קביעות אז טאג טעגליך זאגט איינער פאר'ן צווייטן די ברכת השחר.

הערנדיג אז דאס איז א טאג טעגליכער זאך איז מיין נייגער געווארן גרעסער גלייבנדיג אז דערונטער זייער מנהג באהאלט זיך א מעשה.

עס האט נישט געדויערט לאנג און יעדער פון זיי האט אנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע.

"איך האב געהאט א טאכטער וואס איז איין טאג דיאגנאזירט געווארן מיט א ביטערע קרענק. די דאקטורים זענען געווען זייער פעסימיסטיש לגבי איר צושטאנד, אבער איך בין נישט געווען איבערגעצייגט אז זיי ווייסן וואס עס גייט פאר. וויסנדיג איבער די גרויסע סגולה פון זאגן 'אמן' ביי ברכת השחר האב איך זיך פארגענומען אז איך גיי טון אזוי'.

מיט א שטארקקייט און מיט א פעסטע החלטה האב איך עס אנגעהויבן טון און וואונדער אז פון דאן אן און ווייטער האט זיך איר מצב געבעסערט און ברוך ה' אז היינט איז זי געזונט און שטארק.

·

די מעשה האט מיר געכאפט, עס איז אריין אין מיר, אבער איידער איך האב ממשיך געווען ווייטערצוגיין האט א צווייטער דערציילט אז אויך ער האט הערנדיג די מעשה עס אנגעהויבן צו טון און זיין לעבן האט זיך געטוישט מקצה אל הקצה.

"איך וועל נישט מגזים זיין אויב כ'וועל דיר זאגן אז פון ווען איך האב זיך אנגעהויבן פירן אזוי שפיר איך ווי די יד ה' באגלייט מיר איבעראל, איך זעה א גרויסע ברכה אין אלעס וואס כ'טוה".



די גרופע האט געענדיגט איר שמועס איבערלאזנדיג מיר פארזינקן אין מיינע געדאנקען. יעצט אז אלע זענען אוועק האב איך געהאט צייט ארייצוקלערן אין מיין אייגענע שיקזאל.

די לעצטע פינף חדשים איז געווען זייער שווערע חדשים פאר מיר. פאר לאנגע יארן פלעג איך אנפירן מיט נסיעות נעמענדיג מענטשן פון איין ארט צו די אנדערע. איך האב געהאט א פלאטע פון אייגענע באסעס און זיך געשפייזט פון דעם בהרחבה גדולה אבער פון ווען די קריג אויסברוך זענען די נסיעות געווארן אסאך ווייניגער ווי אמאל און מיין ארבעט איז געפאלן דראסטיש, אז עס איז דא חדשים וואס איך האב ממש נישט קיין ארבעט.

איך האב פארשיקט עטליכע דרייווערס פון די ארבעט, איך האב איבערגעלאזט איינעם האפענענדיג אז פון אים וועט מען קענען ארויסנעמען עפעס, אבער אויך דאס איז אריבער שווערליך.

איך מוטשע זיך אזוי שטארק און דא הער איך איבער א גוטע און א גלענצעדע סגולה וואס קען מיר ארויסנעמען פון די פלאנטער, איך האב באשלאסן אז איך גיי זיך אנשליסן.

דעם נעקסטן צופרי' האב איך זיך געפעדערט, איך בין אויפגעשטאנען פריער ווי געווענליך און זיך ארויסגעלאזט און זיך צוגעשטעלט צו מיינע פריינט און מיטגעזאגט מיט זיי ברכות.

די געפיל איז געווען א געשמאקע און א דערהויבענע, איך האב געהאט די הרגשה אז איך גיי אויפ'ן גוטן ריכטונג.

איך האנ געהאלטן די מנהג עטליכע וואכן און דאן איז עס געקומען צוגיין.

מיינער א באקאנטער איז געקומען צוגיין און דערציילט איבער א פריש געעפענטע קאמפאני וואס האט זיך נארוואס געעפענט און ראנגלט זיך צו קענען אנהאלטן איר עקזיסטענץ.

איך האב זיך געוואנדן צו זיי, אין אנהייב האבן זיי נאר געהאט פאר מיר א קליינער דזשאב, אבער מיט די צייט איז עס געווארן מער און מער און היינט לייז איך ביי זיי א שיינע פרנסה.

איך בין געווארן אויפגעראכטן און כ'טייל עס דא מיט'ן עולם אז מען זאל וויסן די גרויסקייט פון די סגולה און איר כח.














## המשך פתחו שערים

אויך די שבת בראשית איז א דערמאנונג פאר די בחינה אז גלייך ווען מען הייבט אן א נייער יאר זאל מען גלייך זוכה זיין צו באנייען דעם.

בדרך רמז קען מען צולייגן אז דער ווארט "ברא" איז משלים די פריערדיגע ווארט, אז אויך ער איז מרמז אויף די חובה צו ענטפערן "אמן".

דער ווארט "ברא" איז ראשי תיבות די ווערטער:"בקול רם אמן".

דער "אמן" דארף זיין בקול רם און אויך די ברכה דארף זיין בקול רם. א ברכה וואס ווערט געזאגט בקול רם איז א גוטע ברכה, עס איז זיכער אז מען פארפעלט נישט פון איר קיין ווארט. דאגעגן איינער וואס מאכט א ברכה שטילערהייט און שעפשעט עס אפ, קען נאך אומוועלנדיג אויסלאזן ווערטער פון די ברכה.

מען קען צולייגן נאך א רמז ווי אזוי דער סוף פון די תורה מיט די אנהייב פון די תורה איז געבינדן. עס פאדערט זיך פון א איד אז "לעיני כל ישראל" זאל ער מקיים זיין דער "בראשית ברא" - צו מאכן די ברכת השחר בקול אז אנדערע אידן זאלן קענען נאכזאגן "אמן" נאך זיין ברכה.

פון אונזער היינטיגער שמועס זעען מיר אז וואו מען גייט און וואו מען שטייט איז מרומז דער "אמן". אז מען האט עס סיי ביי די יום טוב סוכות, סיי אין שבת בראשית און דאס דארף אריינגיין אין אונז, סיי אז מיט דעם וועלן מיר זוכה זיין צו א גוט יאר און מיט דעם וועלן מיר אנהייבן דעם נייעם יאר.

אונזער היינטיגער שמועס וועלן מיר מסיים זיין מיט א שורה וואס מען זאגט ביי די "רשות" וואס מען זאגט שמחת תורה:"אמן יענו אחריך הכל מהרה"!

**מיט א קריאה פון "בראשי"ת בר"א"!**

**א פריי'ליכער יום טוב**

יעקב דוב מארמארשטיין

**הרב מרדכי שלמה שאפער שליט"א**
בית הכנסת פינסק קרלין, ירושלים


א שיינער און א זיסער מחזה חזר'ט זיך איבער מידי יום ביומו שוין צענדליגע יארן אין די חסידישע שול פון די פינסק קארלינער חסידות אין ירושלים עיה"ק.

ביי די טיר פון שול זיצט א איד, מיט א שיינע הדרת פנים, פאר אים ליגט אוועקגעלייגט א קליין זעקעלע, אין די גרויסקייט פון א תפילין בייטל, אבער עס איז נישט קיין תפילין בייטל, אויף איר שטייט אויפגעשריבן אז דא טיילט מען אויס קענדי'ס - זיסע צוקערלעך פאר יעדן איינעם.

דער איד הרב ר' מרדכי שלמה שאפער שליט"א ציילט זיך צו זיין פון די יקירי קרתא דשופריא און פאר לאנגע יארן דרייט ער זיך שוין ארום ווען דער 'כתר' פון אמן'ס און אמנים איז אויף זיין קאפ.

פאר לאנגע יארן זיצט ער דארט יעדן טאג און איז זוכה צו ענטפערן אמנ'ס פון אלע ערליי אידן וואס קומען אריין אין די שול און מאכן ברכות און ער ענטפערט אויף זיי אמן.

הרב שאפער שליט"א זעט אין דעם זיין לעבנסציל. ער אינוועסטירט אין זיי אלע זיינע כוחות. נישט נאר געט ער זיך אפ מיט'ן ענטפערן די אמן נאר זייטיג צו דעם איז ער גוט באהאוואנט אין די סוגיות און אין די הלכות וואס זענען נוגע צו עניית אמן דינענדיג דערביי ווי א לעבעדיגער ביישפיל ווי אזוי עס דארף אויסצוזען אז א איד וואס לעבט כל כולו מיט דער 'אמן'.

•

## מיר ווענדן זיך צו ר' מרדכי און בעטן אים אז ער זאל אונז דערציילן ווי אזוי האט זיך אנגעהויבן זיין ספעצילער שייכות צו די די מצוה פון אמן?

די שאלה קאסט אים א שמייכל און ער הייבט אן מיטצוטיילן אז די שורש פון זיין ליבשאפט צו די מצוה גייט נאך צוריק צו זיינע קינדערישע יארן.

ווען איך בין געווען א קינד איז געווען ביי אונז אין די שול טייערע אידן פארוועמען מיר זענען געשטאנען אין די רייע און געמאכט פאר זיי די 'ברכות השחר'. נאך יעדע ברכה וואס מיר האבן געמאכט האבן זיי געענטפערט אמן און זיי פלעגן אונז געבן א צוקערל.


הרב שאפער שליט"א זיצנדיג ביי זיין טישל
אין די פינסק קארלינער שול אין ירושלים עיה"ק



די בייטעל פון הרב שאפער

די יעניגע פירונג האט געמאכט ביי מיר א שטארקע איינדרוק. ווען איך בין אונטערגעוואקסן האב איך באשלאסן אז איך גיי ווייטערגיין אין די יעניגע וועגן און פון דאן אן וועל איך יעדן טאג שטיין אין שול און ענטפערן אמן פאר די צענדליגע מתפללים.

מיט די יארן ליגענדיג אין דעם האט מיר הקב"ה מזכה געווען אז איך האב זיך אריינגעלייגט און דורכגעלערנט די נושא און די הלכות וואס איז נוגע אויף דעם און איך האב ארויסגעגעבן אין אן עקסטערע קונטרס מיט אלע הלכות און הסברים אויף די נושא 'ברכת השחר'.

•

## וועלכע סארט רעאקציע באקומט איר ווען איר ווענדט זיך צו א איד און בעט אים אז ער זאל מאכן די ברכות פאר אייך?

דער אמת איז אז איך ווענד זיך נישט צו קיין איינעם. איך זיץ זיך אויף מיין קביעות'דיגער ארט אין שול. אויפ'ן טיש לייג איך עס די צוויי בייטלעך, די תפילין בייטעל, די בייטעל וואס עס שטייט אויף איר אז דא טיילט מען צוקערלעך.

דער 'צוקערלעך' בייטל ציט אן אויג. אידן גיין איר אריבער און שטעלן זיך אפ ביי איר. זיי ווילן פארשטיין איר באדייט. איך געב זיי צו פארשטיין אז די אמת'ע צוקערל איז די ברכה וואס מען מאכט און אז איך געב אויך א צוקערל אזוי ווי די אמאליגע אידן האבן געגעבן. פון דעם ווערט א שטיקל פרסום און מען הייבט אן מאכן די ברכת השחר.

•

## מען רעדט פון קליינע קינדער אדער פון ערוואקסענע אידן?

זיכער רעדט מען דא פון ערוואקסענע. אפילו עלטערע אידן קומען צו מיר און מאכן די ברכות. נישט נאר פון די שול וואו כ'דאווען נאר אויך פון די ארומיגע בנינים. זייענדיג נאנט צו די מירער ישיבה און זייער מנין הייבט זיך אן אביסל נאך אונז קומען פון דארט אסאך אידן און מאכן די ברכות און איך קען ענטפערן אמן נאך זיי.

דאס איז אין די וואכענטעג. ווען עס קומט שבת איז דא א גרעסערע ציבור. דאן קומט אויך צוגיין די קליינע קינדער און מאכן פאר מיר די ברכות און זיי באקומען די זיסע צוקערלעך און מאכן אויף דעם אויך א ברכה.

•

## צי איז דא נאך א זאך וואס שלעפט אהין צו אייך מענטשן?

לאמיר דיר זאגן אן אינטערעסאנטע זאך. די קארלינע נוסח וואס מיר זאגן ביי ברכת השחר איז אנדערש ווי די געווענליכע נוסח וועלכע איז אנגענומען אין די גאס. מיט די יארן זעענדיג אז אידן צעמישן זיך האב איך געלאזט אפדרוקן די ברכת השחר אויף אן עקסטערע דף, אז א חסיד זאל קענען זאגן די ברכות פון אינעווייניג.

מיט די צייט האב איך געזען אז די אנדערשקייט ציט צו איר אנדערע מענטשן. די פרעמדע אידן קומען אריין אין שול און זעענדיג די נייע נוסח קומען זיי אריבער צו מיין טישל און באקוקן דעם דף. ווען זיי זענען שוין דארט בעט איך זיי אז זיי זאלן שוין מאכן די ברכות. מען קומט וועגן די נייגעריגקייט אבער איך פארדין פון דעם, אז איך האב פרישע קליענטן צומאכן די ברכות און כ'כאפ אריין אמנ'ס.

•

## אין אייער באקאנטקייט מיט די מצוה - וואס דענקט איר איז די סיבה אז מענטשן זענען מזלזל אין די מצוה טראץ איר גרויסקייט?

מען דארף געדענקען די באקאנטע גמרא אין מסכת ברכות ( ו. ב) אויף די ווערטער פון תהלים ( יב ט): "כרם זלות לבני אדם" אז עס גייט ארויף אויף דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם".

מען זעט פון דעם אז שוין אין די צייטן פון די גמרא איז אזוי געווען. עס איז געווען א שטייגער אז מענטשן האבן מזלזל געווען אין זאכן אפילו ווען מען רעדט פון זאכן וואס זענען באמת חשוב. ››››

## דער רבוש"י פרייט זיך אז מען איז אים מנצח

**"הוֹשַׁע נָא לְמַעַן נִצְחָךְ"**

ביי די ראשונים טרעפט מען אז זיי זענען מפרש די תפילה על פי דער מאמר חז"ל אין מסכת (פסחים קיט א). דארט געט די גמרא צו פארשטיין אז דער לשון פון 'נצחון' וועלכע מען באגעגנט אסאך אין תהלים ווי (יג א ועוד): "למנצח מזמור לדוד" מיינט כפשוטו 'נצחון' אז מען זאל זינגען און לויבן הקב"ה, אז מען איז אים מנצח, ווי די גמרא זאגט דארט אויפ'ן ארט, אז הקב"ה וויל אז מען זאל אים מנצח זיין ווי עס איז דער לשון הגמרא: "בא וראה שלא כמידת הקדוש ברוך הוא מדת בשר ודם; בשר ודם מנצחים אותו - ועצב, אבל הקדוש ברוך הוא נוצחים אותו ושמח".

די בחינה ליגט דא אויך אין די תפילה פון "הושע נא למען נצחך" - מען בעט ביי הקב"ה העלף אונז ארויס בזכות די תפילה, ווייל מיט די תפילה קענען מיר מנצח זיין הקב"ה און מבטל זיין אלע שלעכטע זאכן און הקב"ה פרייט זיך דאך אז מען איז אים מנצח.

קובץ 'חיי עולם' [פאריז תרל"ט] חוברת א עמ' 48

## צו דביקות אין הקב"ה איז מען זוכה דורך די מאה ברכות

**"הוֹשַׁע נָא חֲבוּקָה וּדְבוּקָה בָּךְ; הוֹשַׁע נָא טוֹעֶנֶת עֻלָּךְ"**

**דער ווישנוויצער רב, רבי אורי לאנדמאן** זאגט אז די צוויי מעלות פון כלל ישראל פון "חבוקה ודבוקה" און די מעלה פון "טוענת עלך" איז געבינדן איינער אין דעם אנדערן:

אין דער פסוק (דברים ד ד): "ואתם הדבקים בה' אלקיכם" אויף וואס עס בויט זיך די מעלה פון "ודבוקה בך" וועלכע ווערט דא דערמאנט שרייבט דער בעל הטורים אז די תגים פון די אות 'ק' פון דער ווארט "הדבקים" איז מרמז אויף די ק' ברכות וואס א איד דארף מאכן יעדן טאג.

מיט דעם וויל די תורה הק' מרמז זיין פאר א איד אז צו הקב"ה ווערט מען דבוק דורך וואס מען זאגט די 'מאה ברכות' און ווי דער רמב"ם זאגט (הלכות ברכות א ד): "נמצאו כל הברכות כולן ... כדי לזכור את הבורא תמיד וליראה ממנו".

אין מדרש (במדבר רבה יח כא) ווערט געברענגט אז די מאה ברכות איז מתוקן געווארן דורך דוד המלך. א רמז דערצו איז דא אין דער פסוק אין (שמואל-ב כג א): "ואלה דברי דוד האחרנים נאם דוד בן ישי ונאם הגבר הקם על" - די ווארט "על" באטרעפט הונדערט.

מיט דעם קען מען מפרש זיין די כוונה פון דער פייטן: "הושע נא חבוקה ודבוקה בך" אז ווי אזוי איז כלל ישראל דבוק אין הקב"ה דורך "טוענת עלך" - אז זי איז מקפיד יעדן טאג אויף דער "על" וועלכע איז מרמז אויף די מאה ברכות.

'אור יצהר' ימים נוראים פתח דבר עמ' כז

## די יראה פון די פעלקער איז מעורר צו יראת שמים

**"הוֹשַׁע נָא כְּבוּשָׁה בַּגּוֹלָה; הוֹשַׁע נָא לוֹמֶדֶת יִרְאָתָךְ"**

א שיינער דערהערט זאגט דער הייליגער'**בני יששכר**' אויף די סמיכות פון די צוויי די בקשות:

בשם די תלמידי ה'בעל שם טוב' זאגט מען נאך אז ווען עס דערוועקט זיך אין א מענטש א געפיל פון 'אהבה' אדער 'פחד' פון א גשמיות'דיגע זאך קומט עס צו דערוועקן דעם מענטש צו אהבת ה' אדער יראת ה', אז עס איז צייט אז ער זאל נתעלה ווערן אין דעם. צו דעם געדאנק איז דער פייטן מרמז דא, ער זאגט אז דער "כבושה בגולה" - די שטענדיגע פחד וואס א איד האט פון זיינע פיינט איז "לומדת יראתך" - קומט מעורר צוזיין דער איד ער זאל שטייגן ביראה.

'בני יששכר' מאמרי חודש תשרי מאמר יב אות יז

## א דור וואס איז כולו חייב

**"הוֹשַׁע נָא דַּלּוֹתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ"**

דער רב פון לידא **רבי אליהו שיק געט צו פארשטיין:**

די חכמים אין די גמרא (סנהדרין צח א) זאגט אז משיח וועט נישט קומען צוגיין אדער אין א דור וואס איז כולו זכאי אדער אין א דור וואס איז כולו חייב.

אז דער דור איז כולו זכאי קען מען פארשטיין אז די גאולה וועט קומען צוגיין אבער אז דער דור איז כולו חייב פארוואס זאל די גאולה זיין אין אזא דור? עס איז דאך א דור וואס איז כולו חייב - נאר עס קען זיין אז עס איז א משל צו א טאטע וואס זעט אז זיין קינד זינקט איין אין בלאטע. ווען ער זעט אז דאס קינד זינקט איין אזוי שטארק וועט ער לויפן און אים אויסשטרעקן די האנט אים צו העלפן, ווייל ער וויל נישט אז דאס קינד זאל אינגאנצן פארפאלן ווערן.

וועגן דעם וועט די ישועה קומען צוגיין אין א דור וואס איז כולו חייב.

אויף דעם בעט דא כלל ישראל.מען זאגט פאר'ן רבוש"ע הושענא נא - העלף אונז ווייל 'דלותי ולי יהושע' איך בין ארעם און איך האב נישט קיין האפענונג און וועגן דעם מוזטו מיר העלפן.

'עין אליהו' פסחים קיח ב

מען קען עס אויך ערקלערן אז דער ציבור ווייסט נישט גענוג איבער איר חשיבות. אז מען וואלט געוואוסט מער וואלט מען מער מקפיד געווען אויף איר.

•

### וועלכע עצה האלט איר איז גוט אז מען זאל אויפפרישן די מנהג?

דער אמת איז אז עס איז אזא חשובע זאך אז עס איז נישט קיין וואונדער אז דער יצר הרע לייגט אונטער אזעלכע פיסלעך אין דעם וועג. לדעתי איז דאס בעסטע וועג ווי אזוי מען קען עס מחזק זיין צו באהעפטן נאך און נאך מענטשן צו דעם. ווי מער מענטשן וועלן זיך אנשליסן אין דעם לגיון של מלך און זיך משתדל זיין צו הערן און צו זאגן ברכת השחר בחברותא וועט די זאך ווערן שטערקער און שטערקער און ווי חז"ל זאגן שוין 'חברך חברא אית ליה'.

אז מען וועט לעבן אזוי וועט איר זוכה זיין אז מער און מער מענטשן וועלן ווערן א חלק פון דעם.

•

### אלץ איינער וואס פירט זיך שוין אזוי לאנגע יארן צי האט איר זיך אמאל באגעגנט מיט אן אויסטערלישע געשיכטע?

עס איז דא א געוואלד פון מעשיות. די סגולה פון אמן איז זייער גרויס. איך וועל יא דערציילן איין מעשה. איך האב געקענט א טייערער איד מיט'ן נאמען רבי יהושע חשין זצ"ל. אלע זיינע יארן האט ער מקפיד געווען צו ענטפערן אמן. נאכ'ן זאגן אמן פלעגט ער צולייגן די ווערטער "אמת".

עס איז געווען לפלא אז דער איד האט געלעבט בבריאות השלימות ביז די 91 יאר כמנין אמן. אין די עלטערע יארן האט ער זיך אויסגעדרוקט אז ער איז זיכער אז ער האט געלעבט אזוי לאנג בזכות פון די אמן.

ענליך צו דעם האט דערציילט הרב ר' דוד קלעקצין שליט"א. ער האט געקענט א איד מיט'ן נאמען ר' זכריה אייזנבך זצ"ל וועלכע איז אויך געווען א שטארקער חובב אמן און כל ימיו האט ער מקפיד געווען אויף דעם און אויך ער האט זוכה געווען צו לעבן 91 יאר.

יהי רצון אז מען זאל זוכה זיין מקיים צו זיין די מצוה פון אמן בהידור ביז די גואל צדק וועט קומען במהרה בימינו אמן.

## דריי קדושות קעגן די דריי עיקרים

**"וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ וְיִרְדּוּ בִדְגַת הַיָּם וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּבַבְּהֵמָה וּבְכָל הָאָרֶץ וּבְכָל הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ"** (א כו)

די תוה"ק זאגט אונז דא אז אדם הראשון האט געהייסן 'אדם' הראשון. אין די תוה"ק טרעפן מיר קיין טעם צו דעם נאמען. אין מדרש (תנחומא צו יד) געט ער צו פארשטיין אז די טעם פארוואס די תוה"ק רופט אן דער מענטש אדם נעמט זיך פון דעם וויל דער יסוד פון דעם מענטש איז מעפר.

מערקווירדיג איז אז אין (ילקוט שמעוני רמז תתקמג) זאגט ער פארקערט, ער זאגט אז וועגן דעם הייסט 'אדמה' מיט'ן נאמען 'אדמה' וויל פון איר איז באשאפן געווארן דער 'אדם'.

לויט דער ילקוט דארף מען פארשטיין פארוואס ווערט דער מענטש אנגערופן מיט'ן נאמען אדם?

אין די הקדמה פון זיין שו"ת ספר מיט'ן נאמען 'ספר יהושע' געט רבי יהושע באב"ד, **דער רב פון די שטאט טארנאפעל צו פארשטיין**, אז אין דעם נאמען "אדם" איז דא א טיפערער משמעות:

ער זאגט אז פון די דרייצן עיקרים וואס דער רמב"ם האט קובע געווען אז יעדער איד דארף גלייבן אין איר און לעבן מיט איר איז דא דריי יסודות וואס זענען מבדיל צווישן דער בורא ברוך הוא און זיינע ברואים. די דריי יסודות זענען מרומז אין די ווארט "אדם": דער 'א'. איז מרמז אויף אחדות - אז מען זאל גלייבן אז דער בורא איז דער איין איינציגסטער אויף די וועלט און אז עס איז נישט דא זיינס גליכן אויף די וועלט; די צווייטע זאך איז מרומז אין דער 'ד' עס ווייזט אויף 'דמות' אז מען זאל גלייבן אז דער בורא האט נישט קיין גוף און אויך נישט קיין דמות הגוף; די דריטע זאך איז מרומז אין דער 'מ' און דאס איז 'מציאות' אז מען זאל גלייבן אין מציאות הבורא, אז זיין מציאות איז קיים און איז מקיים אלע נמצאים פון די וועלט.

ער פירט אויס אז וויל דער מענטש איז באשאפן געווארן מיט'ן צלם האלוקים האט מען מדגיש געווען ביי די בריאה די דריי נקודות, אז דער מענטש זאל וויסן אז ער איז נבדל פון הקב"ה, אז וועגן דעם ווערט ער אנגערופן מיט'ן נאמען "אדם", וויל אין דעם נאמען איז מרומז די עיקרים.

עס איז צוליב די דריי טעמים פארוואס סיי די מלאכי השרת און סיי כלל ישראל איז משלש בקדושה און זאגט ארויס די ווערטער "קדוש קדוש קדוש" - דריי מאל איינער נאך די אנדערע. די משמעות פון "קדוש" איז מובדל ומופרש (רש"י ויקרא יט ב) און ווען א איד זאגט דריי מאל "קדוש" רופן אויס די מלאכים און די אידן אויף די דריי פונדאמענטאלע הבדלים וואס עס איז דא צווישן דער מענטש און הקב"ה.

זיין פירוש נפלא איז רבי יהושע מסיים מיט א פסק הלכה אז מען זאל דאס אינזינען האבן ביי קדושה וכלשונו: "ראוי לכל אדם פשוט אשר אין לו עסק בנסתרות, לכוון זאת באמירת קדושה".

שו"ת 'ספר יהושע' בהקדמה

## די קללה פון דעם נחש

**"וַיֹּאמֶר ה' אֱלֹקִים אֶל הַנָּחָשׁ כִּי עָשִׂיתָ זֹּאת אָרוּר אַתָּה מִכָּל הַבְּהֵמָה וּמִכֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה עַל גְּחֹנְךָ תֵלֵךְ וְעָפָר תֹּאכַל כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ"** (ג יד)

פון דער עונש וואס הקב"ה האט געגעבן פאר'ן נחש האבן די חכמים ארויסגעלערנט (יומא עה א) אז אויך ווען הקב"ה באשטראפט וועט די עונש זיין מיט רחמנות, וויל מען זעט אז אויך ווען ער האט געשאלטן די נחש האט ער רחמנות געהאט אויף אים. ער האט אים געשאלטן "ועפר תאכל כל ימי חייך" אבער מצד שני איז די מזונות פון דעם נחש אייביג מצוי. ער גייט אויפ'ן דאך האט ער מזונות, ער גייט אויפ'ן ערד האט ער מזונות.

עס קומט אויס אז ער פארדינט נאך?

דער הייליגער ר' **בונים מפשיסחא** האט געגעבן צו פארשטיין אז דאס אליינס אז דער נחש האט זיין שפייז איבעראל איז א קללה, וויל מיט דעם האט אים הקב"ה אפגעהאקט פון אים. מען זעט ביי אנדערע בעלי חיים אז זיי מוז'ן צוקומען צו הקב"ה ווי דער פסוק זאגט (תהלים קד כא): "הַכְּפִירִים שֹׁאֲגִים לַטָּרֶף וּלְבַקֵּשׁ מֵאֵ-ל אָכְלָם" אבער אין דעם הינזיכט איז דער נחש אנדערש - ער דארף קיינמאל נישט אנקומען צו הקב"ה וויל ער האט אייביג אלעס און איבעראל.

עס איז ווי הקב"ה זאגט אים - נעם וואס דו דארפסט - איך וויל דיר מער נישט זען און נישט הערן.

די דורשי רשומות געבן צו פארשטיין מיט דעם יסוד די ברכה וואס מיר מאכן "בורא נפשות רבות וחסרונן"; אז איך אויף דעם חסרון דארף מען דאנקען הקב"ה, וויל אין זכות פון די חסרון איז מען זוכה צו קרבת ה'.

נאך א מהלך זאגט דער'ן **דער גאון פון לאדזש רבי יוסף פאצענאווסקי**:

די חכמי הטבע זאגן אז די תשוקה און די חמדה וואס א מענטש האט איז מוכרח פאר'ן מענטשליכן לעבן. די נקודה דערקרענט זיך זייער גוט ביי מענטשן וואס האבן אלעס. אסאך מאל טרעפט מען טאקע ביי זיי מער כעס און מער אנגעזעצטקייט ווי ביי ווער עס האט נישט אלעס.

עס קען זיין אז דאס איז א חלק פון די קללה אז וויל עס פעלט אים גארנישט - זעט ער קיינמאל נישט קיין שמחה און קיין עונג אין זיין לעבן.

אויך מיט דעם קען מען געבן צו פארשטיין די ברכה פון: "בורא נפשות רבות וחסרונן"; אז די חסרון פון די בריאה איז די ברכה - וויל דאס געט צו א טעם צום מענטשליכן לעבן.

'פרדס יוסף'; 'בית ישראל' תולדות תשי"ב; 'אמת ליעקב'

## מיט'ן אמן איז מען מנצח די מקטרגים

**"וַיְגָרֶשׁ אֶת הָאָדָם וַיַּשְׁכֵּן מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרֻבִים וְאֵת לַהַט הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת לִשְׁמֹר אֶת דֶּרֶךְ עֵץ הַחַיִּים"** (ג כד)

די גמרא אין שבת זאגט (קיט ב) אז ווער עס ענטפערט אמן איז זוכה אז מען עפנט אויף פאר אים די שערי גן עדן און ווי די לשון החז"ל איז: "כל העונה אמן בכל כוחו - פותחים לו שערי גן עדן".

וואס איז דער שייכות פון 'אמן' צו גן עדן?

א שיינעם טעם דערצו זאגט דער רב פון פיורדא רבי יוסף שטיינהארט. ער בויט אויס זיינע ווערטער לויט די ווערטער פון רש"י אז די כרובים וואס ווערן דערמאנט אין די פסוק זענען די מלאכי החבלה וואס הקב"ה האט אוועקגעשטעלט ביי די טויערן פון גן עדן ווי דער פסוק זאגט "מקדם לגן עדן".

די גמרא אין ברכות (נג ב) ברענגט אראפ אז רב נהוראי האט געזאגט אז דער מברך איז צוגעגליכענט צו א פשוטער סאלדאט. דאגעגן דער וואס ענטפערט אמן איז דומה צו א סאלדאט וואס זיגט אין די מלחמה. עס קען זיין אז די ווערטער פון רבי נהוראי איז נישט נאר א משל נאר דער אמת איז אזוי, אז דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון א ברכה איז דומה צו א פשוטער סאלדאט וואס די גמרא רופט דארט אן א גולייר און די מלאך האט נישט אייביג קיין כח צו זיין שטערקער פון די קיטרוג וואס די מלאכי החבלה ברענגען אויף אים. דאגעגן די מלאך וואס ווערט באשאפן פון אן אמן איז א גיבור. ער קען יא מנצח זיין די מלאכי חבלה און וויל ער קען מנצח זיין די מלאכי חבלה און זיי שטיין ביים טויער פון גן עדן עפנט זיך פאר אים די שערי גן עדן.

שו"ת 'זכרון יוסף' [פיורדא תקל"ג] דף קב ע"א; 'עיני יצחק' שבת קיט ב

# אוצרות אמונים

## געקליבענע אוצרות אויף די גרויסע מעלה פון 'אמן'

### די חובה צו מאכן ברכות בקול

**א תנאי קודם למעשה אז מען זאל קענען ענטפערן 'אמן' כדבעי איז אז דער וואס מאכט די ברכה זאל מאכן די ברכה בקול רם. ווען א מענטש מאכט א ברכה און מען קען נישט הערן די ברכה - קען מען נישט ענטפערן אויף איר קיין אמן. דאגעגן ווען איינער מאכט א ברכה בקול רם איז ער מזכה דעם צווייטן מיט אן אמן.**

**אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר ציטירן שטיקער און אמרות פון די צדיקי הדורות איבער די חוב צו מאכן א ברכה בקול רם.**

### א גזילה פון אן 'אמן'

פון דער פסוק (תהילים קג א): "לְדָוִד בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה' וְכָל קְרָבַי אֶת שֵׁם קָדְשׁוֹ" לערנט ארויס רבי יהודה החסיד אז ווען א איד מאכט א ברכה, דארף ער מאכן די ברכה בקול רם, ווייל ווען מען מאכט א ברכה בקול רם וועלן זיך אלע אינערליכע גלידער פון א מענטש שאקלען און ווערן נאכגעשלעפט נאכ'ן קול. (ספר חסידים' תתכ).

רבי יהודה החסיד איז מוסיף צו דעם אז אויסער די דערמאנטע מעלה אז אויך די אינערליכע איברים דאווענען מיט און מען איז מקיים דער 'וכל קרבי את שם קדשו' איז דא נאך א סיבה וואס איז מחייב א מענטש צו מאכן א ברכה בקול רם, ווייל ווען א מענטש מאכט א ברכה בלחש קענען די ארומיגע נישט נאכזאגן נאך די ברכה אמן און דאס איז חטא, ווייל עס קומט אויס אז ער גזל'ט צו פון די אידן די מצוה פון עניית אמן (הובאו דבריו ב'ביאור הלכה' קלט ו).

### די מעלה פון איינער וואס מאכט א ברכה בקול

דער בעל אור זרוע רבי יצחק מווינה אין זיין ספר (ח"ב שבת מב ו)ברענגט אראפ אין זיין ספר א מעשה נורא וועלכע ווייזט אויף די גרויסע שכר וואס עס איז אנגעגרייט פאר דער וואס מאכט א ברכה בקול:

פאלגענד איז די מעשה מיט אן איבערזעצונג אין אידיש:

דערציילט דער בעל אור זרוע: איך האב געקענט א איד פון די שטאט ווארמייזע. דער איד האט געהייסן ר' בונם. דער איד איז געווען א זקן און ער האט זיך אפגעגעבן מיט'ן באגראבן טויטע מענטשן. איך האב געהערט אז ער האט דערציילט אז איין טאג איז ער אויפגעשטאנען און געקומען אין שול אריין. אנקומענדיג אין שול האט ער געזען וואו עס זיצט פארענט פון אים א איד. דער איד האט געהאט אויף זיין קאפ א קרוין פון גראז פון די סארט גראז וואס עס האט 'צאפעל' [די גראז געט ארויס א גוטער שמעק] זעענדיג דעם איד האט ער זיך זייער דערשראקן. ער האט געמיינט אז ער איז א שד. דער ר' בונים האט זיך דערנענטערט צו אים און אים אנגעקוקט פרעגנדיג צי ער איז נישט דער און דער וועמען ער האט באגראבן עטליכע טעג צוריק. זאגט ער אים יא, אז ער איז עס. פרעגט ער אים און וואו ביסטו יעצט? זאגט ער אים אז ער איז יעצט אין גן עדן און אז עס איז אים זייער גוט. פרעגט ער אים ווי אזוי קען דאס זיין? דו ביסט דאך געווען אויף די וועלט א פשוטער מענטש? זאגט ער אים אז אמת אז ער איז געווען א פשוטער מענטש נאר אין זכות וואס איך האב טעגליך געזאגט אין שול ברכות מיט א מורא'דיגע מתיקות, האט מען מיר אריינגעברענגט אין גן עדן און מען איז מיר מורא'דיג מכבד דארט. א צייכן וועל איך דיר אז איך בין דער וואס רעדט צו דיר, אז געב א קוק אויף מיינע תכריכים וועסטו זען אז עס האט א ריס ביי די האנט און די ריס איז געווארן ווען מען האט מיר אנגעטון די תכריכים. האט ער אים געפרעגט און וואס האסטו אויף דיין קאפ? האט ער אים געענטפערט אז דאס איז גראז און מען האט עס האט אים געגעבן ווייל מיט דעם איז מען מבטל די שלעכטע ריח וואס איז דא אויף די וועלט.

דער אור זרוע ענדיגט צו די מעשה און פירט אויס בזה הלשון:כתבתי אני המחבר אלו המעשים, כדי שיראה ירא שמיים וישים אל ליבו ויאמר שבחותיו של הקדוש ברוך הוא בקול נעים ובכוונה ויזכה לגן עדן".

## אִגֶּרֶת אֱמוּנִים

### מִכְתָּב מִקּוֹרֵא נֶאֱמָן

**לכבוד די חשובע מערכת עלון פון וכל מאמינים**

**בראשות הרב יעקב דוב מארמערשטיין שליט"א**

שלום רב און א גוט יאר!

אין די פארלאפענער יאר האט איר אין אייערע מאמרים מערערע מאל ציטירט די ווערטער פון דער 'תנא דבי אליהו' (רבא יא) אויפ'ן פסוק וועלכע ווערט געזאגט אין די שירת דבורה (שופטים ה ב): "בפרע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'".

אויף דעם זאגט דארט דער מדרש ואלו דבריו: "מה נתנבאה דבורה לישראל? אלא כך אמרה להם: בזכות מי הקדוש ברוך הוא נפרע לישראל מאומות העולם? בבני אדם שהם משכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן..."

עס איז איבריג צו זאגן וויפיל כלל ישראל האט די לעצטע יאר געווארט צו זען די נקמת ה' אין די אויבי ישראל. אין אזא צייט שטארקט זיך יעדער איד און איך האב זיך אויך געשטארקט אין דעם און זיך אנגעשלאסן אין די הייליגע באוועגונג פון האבן א חברותא אויף זאגן ברכת השחר און איך האב ארויסגענומען אסאך שטיצע פון אייך.

ענדע פון די יאר האבן מיר געקענט זען אביסל ווי עס איז מקויים געווארן וואס דער פסוק זאגט: בפרוע פרעות בשונאי ישראל" אז עס איז אומגעברענגט געווארן אסאך די אויבי ישראל.

זאל דער רבוש"ע העלפן אז מען זאל זען מער און מער אבער ווען איך האב געהערט די נייעס האב איך זיך גלייך דערמאנט פון דעם תנא דבי אליהו און עס איז ביי מיר געווען א זיכערע זאך אז דאס האט שייכות מיט דער התחזקות פון ענטפערן אמן. אז מען ענטפערט אמן ווערט מען ניצול פון אלע גזירות און מען איז זוכה צו זען ווי אזוי די פיינט ווערן באשטראפט.

ווער עס ליינט די הפטרה פון פרשת נצבים וילך זעט אז דארט ווערט אויך דערמאנט דער ענין פון נקמה. אין פסוק שטייט (ישעיה סג ד): "כִּי יוֹם נָקָם בְּלִבִּי וּשְׁנַת גְּאוּלַי בָּאָה". דער פסוק רופט אז מען זאל נתעורר ווערן צו לויבן הקב"ה אויף דער יום נקם.

ווען איך האב זיך מתבונן געווען אין דער פסוק האב איך באמערקט אז אין דער פסוק אליין איז מרומז דער יום נקם. די ראשי תיבות פון די ווערטער: כִּי יוֹם נָקָם בְּלִבִּי וּשְׁנַת גְּאוּלַי" באטרעפט כמנין 91 גענוי ווי עס באטרעפט אמן.

נאך דעם וואס עס מקויים געווארן אביסל דער "יום נקם" האפן מיר אויך זוכה צו זיין צו וואס שטייט ווייטער אין פסוק דער "שנת גאולי" אז דורך די הקפדה אויפ'ן אמן וועט מען זוכה זיין צו א שנת גאולה.

מען קען צולייגן אז אויך דער ווארט "באה" איז מרמז אויף עניית אמן ווייל עס איז ראשי תיבות פון די ווערטער: "בני אמונים" ו"ברכות השחר".

זאל קומען א גוט יאר אויפ'ן כלל ישראל און זאל מקויים ווערן אלע הבטחות וואס חז"ל האבן צוגעזאגט פאר די וואס ענטפערן אמן.

ברכת ה' עליכם
**ש.ב.ב - עיה"ק ירושלים ת"ו**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: gmail.com@9139191



דער אוהל אויף די מצבה פון דער בעל 'פלא יועץ' אין די שטאט סיליסטערע אין בולגאריע

## דער הייליגער 'פלא יועץ' כ' בתשרי תקפ"ח

דער צדיק רבי אליעזר פאפו איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי יצחק אין די שטאט בעיר סרייבו, די הויפטשטאט פון באסניע אין יאר תקמ"ו. נאך פון קינדווייז אן איז ער געווען ברייט בארימט מיט זיין אויסטערלישע שקדנות און מיט זיין גרויסע גאונות און אויך מיט זיין פרישות און געוואלדיגע אפגעשיידענקייט פון אלע וועלטליכע זאכן.

אין די יונגע יארן האט ער געלערנט תורה פון די חכמי העיר פון זיין שטאט רבי משה דאנון און רבי בנימין מנחם דאנון.

זיין ערשטער ספר האט ער געשריבן אין די עלטער פון פיר און צוואנציג יאר אויף מסכת ברכות און עס א נאמען געגעבן 'חודש האביב'. די חיבור האט ער ארויסגעגעבן אין יאר תק"ע.

אין יאר תק"פ האט ער אנגעהויבן זיין ערשטע רבנות פאסטן אין די שטאט סיליסטערע אין בולגאריע. די יעניגע רבנות פאסטן האט ער אנגעהאלטן אויף אכט יאר ביז צו זיין פטירה.

אין די אידישע וועלט איז ער בעיקר באקאנט מיט די ספר 'פלא יועץ' אבער אויסער די ספר האט ער פארפאסט נאך אסאך ספרים. צווישן זיי זענען די ספרים 'דן ידין' און 'אלף המגן' על התורה, דער ספר 'חסד לאלפים' - אויף פסקי דינים אויף אורח חיים און יורה דעה פון 'שולחן ערוך' און נאך.

אין די בלויזע עלטער פון 42 יאר איז ער נסתלק געווארן פון די וועלט. עס איז אויסגעפאלן חול המועד סוכות - כ' בתשרי תקפ"ח. מען האט אים געלייגט אויף דער אידישער בית החיים אין די שטאט סיליסטערע. איידער זיין הסתלקות האט ער געזאגט אויף זיך אז פון הימל האט מען אים מגלה געווען אז עס שוועבט א שווערע סכנה פון א מגיפה אויף די שטאט. ער האט גענומען אויף זיך צו זיין א קרבן פאר די שטאט מכפר צו זיין אויף איר. ('אורות פלא' עמוד כח)

## להזהר בעניית אמן

אין ספר 'פלא יועץ' ווידמעט דער צדיק צוויי 'ערכים' אויף די גרויסע חובה פון ענטפערן אמן כהלכה און איבער די גרויסע שכר וואס עס קומט זיך פאר דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. די ערשטע 'ערך' איז אין אות א' ביי די ערך פון 'אמן' און די צוויי איז ביי די אות ע' ביי די 'ערך' פון 'עניית אמנים'.

פאלגענד איז ווי אזוי ער עפענט אויף דער 'ערך' פון 'אמן':

"עס איז ידוע ווי שטארק דער זוה"ק איז מפליג (וילך רפה ב) אין די גרויסקייט און אין די גרויסע שכר פון ווער עס איז א שומר אמונים אוןווארט אויס ווען וועט ער שוין קענען הערן א ברכה און ענטפערן אויף איר אמן. דאגעגן ווער עס איז מזלזל אין איר איז זייער גרויס און ווי ער פירט אויס בלשונו הק': באמת תסמר שערות אנוש מראות חומר שבו. ולבבות יכאבו על רבים מעמי הארץ שאין נזהרים כלל. ה' הטוב יכפר בעד, כי לכל העם בשגגה".

נאך א שטיקל וואו ער שילדערט גאר שטארק די שכר פון דער וואס איז ענטפערט אמן און שרייבט ווי פאלגענד:

**"ואילו היו יודעים המונעים מלענות אמנים, גודל שכר עניית אמנים... היו רודפים לילך לשמוע ולענות, 'כַּאֲשֶׁר יִרְדֹּף הַקֹּרֵא [מין עוף] בֶּהָרִים' (שמואל א' כו כ), והיו ששים על ענייה אחת כמוצא שלל רב. אבל, דא עקא, כי לא ידעו מה היא המצווה הזאת, וחומר שבה, וגודל שכרה".**

## דער אמן איז פון די = דברים העומדים ברומו של עולם

דער ערך פון 'עניית אמנים' הייבט דער 'פלא יועץ' אן מיט די ווערטער:

"דער ענטפערן אמנים... ציילט זיך פון די זאכן וואס זענען עומד ברומו של עולם און מענטשן זענען מזלזל אין איר. עס איז דא ביי זיי אזעלכע וואס מאכן זיך טויב און וועלן נישט הערן דער אמן און אזאנע וואס וועלן זיך מאכן ווי שטומע און וועלן נישט ענטפערן אמן. עס וועט אויך זיין אזעלכע וואס וועלן ענטפערן אן אמן קטופה אדער א חטופה אדער א יתומה. דער זוה"ק שרייבט די הארבקייט וואס מען האט מחמיר געווען אויף ווער עס ענטפערט נישט קיין אמן. עס איז הפלא ופלא...

עס איז נישט גענוג אז מען ענטפערט אמן, מען דארף אויך אינזינען האבן וואס מען ענטפערט. אויף ווער עס האט נישט אינזינען די אמן גייט אויף אים ארויף די פסוק (שמואל-א ב ל) "ובזי יקלו" (זהר תרומה קעח ב).

און אויף דעם זאל ווי טון די ווייטאג, ווייל ווער איז נקי אין דעם זאך? דער מענטש דארף זיך מתגבר זיין צו מאכן די מצווה כתיקונה, צו מאכן א נחת רוח ליוצרו נאך אמאל און ער זאל זיין געווארענט פון אן אמן חטופה אדער אן אמן קטופה אדער א יתומה ווייל איר עונש איז מבואר אין ש"ס (ברכות מו א) און אין די פוסקים (או"ח קכד ח) קוק נאך אין די מקורות און היט זיך אפ אין דעם, אויב דו ביסט א בעל נפש".

## אז תבין יראת ה'

אויך אין זיין ספר 'חסד לאלפים' (נו א) איז דער בעל 'פלא יועץ' מעורר אויף די גרויסע חובה וואס עס ליגט אויף א איד צו ענטפערן אמן. פאלגענד זענען זיי הייליגע ווערטער: "ראוי לכל אדם להשתדל לרוץ ולהמתין על עניית אמנים, ומי יתן והיה שישתדלו על עניית אמנים כמו על רווח איזה פרוטות. על כגון זה נאמר (משלי ב ד-ה): 'אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה; אז תבין יראת השם'".

## די גרויסע שכר איז א רמז אויף די גרויסקייט פון די מצווה

נאך שרייבט ער אין זיין ספר 'חסד לאלפים' (שם) ער ברענגט אראפ די ווערטער פון חז"ל אז ווער עס איז מקפיד צו ענטפערן אמן עפענט מען אים אויף די שערי גן עדן און פירט אויס מיט דעם אז דאס לערנט אונז אויס די גרויסקייט פון אן אמן און אויף די גרויסע נחת רוח וואס הקב"ה האט פון אן אמן דאס ווייזט אונז ווי גליקליך מיר דארפן זיין אז מיר זענען זוכה צו מאכן א נחת רוח פאר הקב"ה און אז עס איז ראוי אז א איד זאל זיך מוסר נפש זיין פאר אזא זאך.

## א 'ברכה' מיט אן 'אמן' בקול רם

די חשיבות פון ענטפערן אמן גייט אויך צוזאמען מיט דעם אז דער וואס מאכט די ברכה זאל מאכן די ברכה בקול רם. אין די 'ערך' פון אמן רעדט ער ארום וועגן דעם און פירט אויס די חשיבות פון דעם.

פאלגענד זענען זיינע ווערטער:"וויבאלד עס איז דא אן ענין פון 'אל תמנע טוב מבעליו' ווי דער פסוק זאגט אין משלי (ג כז) איז א געווינטשענער זאך אז ווען מען מאכט א ברכה און מען ווייסט אז עס איז דא אזאנע וואס ווילן ענפערן זאל מען מאכן א הויכע ברכה. דער מאכן א ברכה בקול רם און מזכה זיין אנדערע ווערט גערעכענט ווי א צדקה. דער וואס פירט זיך אזוי א מזכה את הרבים און עס גדול המזכה און ווער טוט א מעשה וואס ברענגט צו א צווייטן איד לדבר מצוה איז דער פסוק מעלה ווי ער אליינס האט מקיים געווען די מצוה (סנהדרין צט ב). נאך שרייבן די פוסקים (או"ח קסז ב) אז דער וואס ענטפערט 'אמן' זאל אויך ענטפערן הויך אז דער וואס מאכט די ברכה זאל הערן ווי ער זאגט 'אמן' און אז ער זאל אינזינען האבן צו זיין א שומע כוונה. דער וואס ענטפערט זאל אינזינען האבן מוציא צו זיין ידי חובה פון ענטפערן פאר דעם מברך און פון דעם ענטפערער און פון דער מברך וועט הקב"ה געלויבט ווערן און עס וועט קומען אויף זיי א גוטע ברכה." ('פלא יועץ' ערך אמן).